תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל | בני ברק

# דף לקריאה

# דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ נֶעבְן דִי טִיהְר

# דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ נֶעבְּן דִי טִיהְר

אִין דִי שְׁטָאט בְּרָאד אִיז גֶעוֶוען - אַזוֹי וואוּ אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטֶעט - אַ פִּנְקָס הַקְהִילָה, וואוּ דָארְט פְלֶעגְן דִי רָאשֵׁי הַקְהִילָה אוֹיפְשְׁרֵייבְּן אוּן פַארְצֵייכֶענֶען אַלֶע אִינְטֶערֶסַאנְטֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי קְהִילָה בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן וָואס דִי קְהִילָה שְׁטֵייט.

אִין דֶעם פִּנְקָס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אַ אִינְטֶערֶסַאנְטֶער מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט בְּרָאד.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי: וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען דָארְטְן אִין שׁוּהְל, הָאט מֶען אִיהְם גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל גֵיין זִיצְן אוֹיבְן-אָן אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא חָשׁוּבֶער גַאסְט, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּהֶערְן צוּ וָואס זֵיי

הָאבְּן אִיהְם גֶעבֶּעטְן, נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיצְן בַּיי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע רֵייעֶס אִין שׁוּהְל וואוּ עֶס זִיצְן גֶעוֶועגְלִיךְ דִי פָּשׁוּטֶע אַרְבֶּעטֶער.

נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער עוֹלָם גֶעוֶוען זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ וִויסְן פַארְוָואס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיף גֵיין אוֹיבְן נָאר זִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט אַ פְּלַאץ נֶעבְּן דִי טִיהְר. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵיי דֶערְצֵיילְט אַזוֹי, פַאר אַסְאךְ יָארְן אִיז גֶעוֶוען דָא אִין שְׁטָאט בְּרָאד אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן אוֹיף דִי בְּרָכוֹת, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין אִינְדֶערְפְרִי – פַארְן דַאוֶוענֶען - שֶׁעפְּן וַואסֶער, אוּן וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעשֶׁעפְּט דִי וַואסֶער, זֶענֶען דִי קְלֵיידֶער גֶעוָוארְן נַאס פוּן דִי וַואסֶער, דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען ווִינְטֶער צֵייט, זֶענֶען זֵיינֶע נַאסֶע קְלֵיידֶער פַארְגְלִיוֶוערְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין קֶערְפֶּער.

פְּלוּצִים אִינְמִיטְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דִי וַואסֶער, דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אַז ס'אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט,

און נאָך אַ קורצע צייט דאַרף ער גיין אין בית מדרש אריין צו תּפילת שחרית, האָט ער געוואָלט שנעל אויסטוהן פון זיך די אַרבּעטס קליידער און לויפן אין שוהל, אָבּער די קליידער זענען דאָך געווען צוגעקלעבּט צו זיין קערפּער, האָט ער זיי שנעל אַראָפּ געריסן פון זיך און ס'האָט אָנגעהויבּן צו רינען בּלוט פון זיין קערפּער אָבּער ער האָט זיך נישט צו טוהן געמאַכט פון דעם, נאָר ער איז אַריין שנעל אין בּית מדרש פיל מיט שׂמחה אַז ער האָט נאָך אָנגעיאָגט צו ענטפערן אָמן אויף די בּרכות השחר פאַרן דאַווענען.

דער בּעל שם טוב האָט מיט זיין הייליגקייט געשפּירט, אַז אויף דעם פּלאַץ וואָס דער וואַסער טרעגער האָט געזאָגט אָמן, איז דאָ אַ גרויסער קדושה, און וועגן דעם האָט ער געוואָלט דאָרטן זיצן.